לעטיציא דזשיימס
אטורני גענעראל

אפיס פון די ניו יארק שטאט
אטורני גענעראל

# רעכטן פון אימיגראנטן ארבעטערס

## פארשטייט די רעכטן פון ארבעטערס און די פליכטן פון ארבעטגעבערס

ארבעטערס אין ניו יארק סטעיט האבן רעכטן — נישט קוקנדיק אויף זייער אימיגראציע סטאטוס. סטעיט געזעץ ארייננעמען די רעכטן פון ארבעטערס צו באקומען דעם פארלאנגטן מינימום לוין און פארבאט ארבעטגעבערס צו באשטראפן זייערע ארבעטער פארן זיך באקלאגן וועגן די אומלעגאלע אקציעס פון זייערע ארבעטגעבערס.

אין אפיס פון די ניו יארק סטעיט אטורני גענעראל (OAG), נעמען מיר ערנסט טענות פון דיסקרימינאציע און נקמה קעגן ארבעטערס, נישט קוקנדיק אויף זייער אימיגראציע סטאטוס. אנזאגן פארלעצונגען פון ניו יארק'ס ארבעט געזעצן צו אונזער אפיס.

אנזאגן א ארבעט געזעץ פארלעצונג

## וואספארא לעגאלע רעכטן האבן אימיגראנטן ארבעטערס?

וואס דער ארבעטער'ס אימיגראציע סטאטוס זאל זיין, די ניו יארק סטעיט און לאקאלע געזעצן געבן ארבעטערס רעכטן צו די פאלגנדע, צווישן אנדערע:

- מינימום לוין און איבערצייט באצאלונג
- יעדע סומע באצאלונג וואס אן ארבעטגעבער האט צוגעזאגט דעם ארבעטער
- פאמיליע און מעדיצינישע אורלויב
- ארבעטער'ס קאמפענסאציע אינשוראנס
- אן ארבעטס-ארט פריי פון דיסקרימינאציע און פארמאטערן
- שוץ פון נקמה (שטראף פארן קלאגן)

## קען אן ארבעטגעבער בעטן אן ארבעטער צו באשטעטיגן זייער ארבעטס-ערלויבונג?

ארבעטגעבער זענען פארלאנגט צו בעטן ארבעטס-ערלויבונג פאפירן ווען זיי שטעלן אן ארבעטער. אן ארבעטגעבער קען בעטן אן ארבעטער צו נאכאמאל באשטעטיקן זייער ארבעטס-ערלויבעניש אין די פאלגנדע פאלן:

- ווען די ארבעטער'ס ערלויבעניש איז אויסגעלאפן, אדער גייט באלד אויסלאפן
- אויב דער ארבעטגעבער האט א גלייבלעכע סיבה צו טראכטן אז די ארבעטס-ערלויבעניש וואס דער ארבעטער האט אריינגעגעבן פריער איז נישט ריכטיג

לויט ניו יארק געזעץ, קענען ארבעטגעבער נישט פארמאטערן אדער דיסקרימינירן קעגן ארבעטער באזירט אויף ראסע, נאציאנאלע אפשטאם, בירגערשאפט, אדער אימיגראציע סטאטוס.

דערצו, קען אן ארבעטגעבער דורכפירן אודיטס פון ארבעטס-ערלויבעניש פאפירן פאר א גאנצע ארבעטס מאנשאפט, אדער א טייל פון דער ארבעטס מאנשאפט. זיי מוזן אבער נוצן נייטראלע און נישט-דיסקרימינירנדע קריטעריע צו אויסקלויבן זייער מוסטער. אויב זיי טוען דאס נישט, קענען פארלאנגען פאר נאכאמאל ווערפיפיצירן ארבעטס-ערלויבעניש זיין דיסקרימינאציע אדער סתם פארמאטערן. למשל, אן ארבעטגעבער קען נישט דורכפירן אן אודיט אדער סטראשען אן אודיט פון ארבעטער צו נעמען נקמה קעגן אדער באשטראפן ארבעטער'ס געזעצלעכע טעטיקייט ווי ארגאניזירן השתדלות אדער ארבעטער'ס קלאגן וועגן ארבעטס סביבה ותנאים.

## וואס איז נקמה?

נקמה איז ווען אן ארבעטגעבער טוט עפעס צו באשטראפן אן ארבעטער פארן זיך באטייליקן אין א באשיצטע טעטיקייט. די סארט באשיצטע טעטיקייט אריינגנעמען:

- באקלאגן זיך וועגן פארלעצונגען פון די ניו יארק ארבעט געזעץ, אריינגערעכנט נישט באקומען דעם מינימום לוין אדער איבערצייט באצאלונג, נישט באקומען די סומע וואס דער ארבעטגעבער האט צוגעזאגט צו באצאלן, אדער נישט באקומען באצאלטע קראנקהייט אורלויב

- באקלאגן זיך וועגן פארלעצונגען פון די ניו יארק סטעיט מענטשנרעכט געזעץ, ווי דיסקרימינאציע אדער פארמאטערן באזירט אויף אימיגראציע סטאטוס, בירגערשאפט, ראסע, אדער נאציאנאלע אפשטאם

התנגדות צו א ארבעטער'ס קאמפענסאציע פארלאנג

- אריינגעבן א קלאגע אדער אנטיילנעמען אין אן אויספארשונג וועגן לוין גניבה, דיסקרימינאציע, אדער ארבעטס-זיכערהייט

## וואס זענען עטליכע ביישפילן פון ארבעטגעבער נקמה קעגן אימיגראנט ארבעטער פארן באקלאגן זיך וועגן נישט באצאלטע לוין, דיסקרימינאציע, פארמאטערן, אדער ארבעטס-זיכערהייט פראבלעמען?

ארבעטגעבער האבן אומלעגאל נקמה גענומען קעגן ארבעטער דורך טאן, אדער סטראשען צו טאן, די פאלגענדע:

- רופן געזעץ-דורכפירער אדער אימיגראציע אפיצירן
- אפזאגן ארבעטער אדער צוריקהאלטן זייער באצאלונג
- רעדוצירן ארבעט שעה אדער געבן ארבעטער ערגערע צייטן צו ארבעטן
- פארקלענערן דער ארבעט פאזיציע אדער רוקן ארבערטער צו אן אנדערע פלאץ
- צוטיילן צו ארבעטער שווערערע אויפגאבן אדער פארלאנגען אז זיי פראדוצירן מער
- ארויסווארפן ארבעטער פון ארבעטגעבער-צוגעשטעלטע וואוינונגען

## איז עס אומלעגאלע נקמה אויב אן ארבעטגעבער מעלדט אן ארבעטער צו אימיגראציע אפיצירן?

יא – אויב דער ארבעטגעבער האט געמאלדן דעם ארבעטער צו אימיגראציע אפיצירן ווייל דער ארבעטער האט זיך פארנומען מיט באשיצטע טעטיקייטן, ווי למשל באקלאגן זיך איבער פארלעצונגען פון די לוין געזעצן.

## וואס זענען די שטראפן אויב אן ארבעטגעבער נעמט אומלעגאלע נקמה קעגן אן ארבעטער?

דער ארבעטגעבער קען מוזן באצאלן דעם ארבעטער שאדן-געלט, אריינגערעכנט ליקווידירטע שאדן-געלט פון ביז $20,000. דער ארבעטגעבער קען אויך מוזן באצאלן א שטראף פון ביז $20,000. דער ארבעטגעבער קען אויך זיין שולדיג אין א קלאס B קליינע פארברעכן.

## ווי אזוי גילט ניו יארק'ס געזעץ איבער האס פארברעכן אויפן ארבעטס-ארט?

שטאט האס פארברעכן געזעץ באשיצט מענטשן פון גוואלד, סטראשונגען און פארמאטערן באזירט אויף זייער ראסע, אפשטאם אדער נאציאנאליטעט. דערצו איז עס א פארלעצונג פון האס פארברעכן געזעץ צו אנזאגן א מענטש צו דער פאליציי פשוט צוליב זייער ראסע, נאציאנאלע אפשטאם אדער אפשטאם.

אן ארבעטגעבער וואס טוט גוואלד קעגן, סטראשעט, פארפאלגט אדער מעלדט אימיגראנט ארבעטער צו דער פאליציי צוליב זייער נאציאנאלע אפשטאם, אן א סיבה צו גלייבן אז זיי האבן באגאנגען א פארברעכן, קען זיין אונטערטעניק צו קרימינעלע און ציווילע שטראפן. באמערק: אלס א אלגעמיינע כלל, איז עס נישט קיין פארברעכן פאר אן אומדאקומענטירטן מענטש צו בלייבן אנוועזנד אין די פאראייניגטע שטאטן.

## וועלכע ניו יארק סטעיט און לאקאלע רעגירונג אגענטורן באהאנדלען קלאגעס וועגן אומלעגאלע באהאנדלונג פון אימיגראנט ארבעטער?

די רעגירונג אגענטורן קענען באהאנדלען די פאלגנדע סארטן קלאגעס:

**אפיס פון די ניו יארק סטעיט אטורני גענעראל (OAG)**
https://ag.ny.gov/file-complaint/employment
נישט באצאלטע לוין, דורכפאל צו צושטעלן קראנק-אורלויב, פרווון אז דער ארבעטער זאל נישט נוצן ארבעטערס קאמפענסאציע בענעפיטן, דיסקרימינאציע, פארמאטערן, נקמה, ״טראפיקינג״, ארבעטער , און אנדערע ארבעטספלאץ פראבלעמען; ציווילע פארלעצונגען פון די האס-פארברעכנס געזעץ

**ניו יארק דעפארטמענט פון ארבעט**
https://dol.ny.gov/contact-dol
נישט באצאלטע לוין, אומלעגאלע אוועקנעמען א חלק פון צאלונג, לוין צוגאב, מינימום לוין, איבערצייט, נקמה, און אנדערע ארבעטס-פלאץ פראבלעמען

**ניו יארק דעפארטמענט פון ארבעט - פובליק ארבעטער זיכערהייט און געזונט (PESH)**
https://dol.ny.gov/public-employee-safety-health
ארבעטס זיכערהייט און געזונט שוץ פאר אלע ניו יארק סטעיט פובליק סעקטאר ארבעטער

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשנרעכט**
https://dhr.ny.gov/complaint
ארבעט דיסקרימינאציע און נקמה

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף – פליטים סערוויסעס**
https://otda.ny.gov/programs/bria/trafficking.asp
אינפארמאציע וועגן הילף פאר איבערלעבער פון מענטשן האנדל

**ניו יארק סיטי קאמיסיע אויף מענטשנרעכט**
https://www.nyc.gov/site/cchr/about/contact-us.page
ארבעט דיסקרימינאציע און נקמה (ניו יארק סיטי)

**ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון קאנסומער און ארבעטער שוץ**
https://www.nyc.gov/site/dca/about/contact-us.page
באצאלטע קראנקהייט־אורלויב (ניו־יארק סיטי)

## זענען פאראן פרייע לעגאלע סערוויסעס?

איר קענט זוכן אויף דעם וועבזייטל פאר פרייע לעגאלע הילף:
**Law Help NY**
https://www.lawhelpny.org
אינפארמאציע וועגן פרייע לעגאלע רעסורסן

באמערקונג: די אנווייזונגען זענען בלויז פאר אלגעמיינע אינפארמאציע און זענען נישט לעגאלע עצה. בארעט זיך מיט אן אדוואקאט פאר לעגאלע עצה.